**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/16/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 10 מיליאן דאלאר געשאנקען פאר קאמערציעלע און געמישטע-באנוצן פראיעקטן אין באפעלאו'ס איסט סייד

### *35 קאמערציעלע און געמישטע-באנוצן פראיעקטן געשאנקען פינאנצירונג פאר רענאוואציעס און אריינפילנדע דעוועלאפמענט*

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט א באדייטנדע אינוועסטירונג אין באפעלאו'ס איסט סייד, שענקענדיג 10 מיליאן דאלאר פון די נייע 'איסט סייד געביידע קאסע' ( East Side Building Fund) פאר 35 קאמערציעלע און געמישטע-באנוצן פראיעקטן. די מאמענטאלע פינאנצירונג איז געווידמעט צו אונטערציילן רענאוואציעס פון פריוואטע געביידעס און אריינפילנדע דעוועלאפמענט צווישן עקזיסטירנדע געביידעס, דירעקט שטיצנדיג די אויפלעבונג פון קאמערציעלע געגנטער אריבער די איסט סייד. די 10 מיליאן דאלארדיגע קאסע, צום ערשט אנאנסירט דורך די גאווערנער אין מאי פון 2025, צייכנט אפ נאך א טריט אין די סטעיט'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו שאפן בליהענדע עקאנאמישע צענטערן אין איסט סייד.

"די איסט סייד געביידע קאסע גרענט שפיגלט אפ די סטראטעגישע פארטיילונג פון מיטלען וואס אונזער אדמיניסטראציע האט פארשפראכן צו בעסער ערפילן די געברויכן פון די קאמיוניטי", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורכן פארלייכטערן די פינאנציעלע לאסט אויף פראפערטי אייגנטימער, טוהען מיר דירעקט אינוועסטירן אין אונזערע קאמערציעלע געגנטער, זיכער מאכנדיג אז זיי זענען אויפגעלעבט און בעסער אויסגעשטאט צו זיין צענטער פונקטן און שטיצן איסט סייד געגנטער פאר יארן אריין אין די צוקונפט."

צווישן די פראיעקטן באקומענדיג פון די געלטער געפונען זיך:

- **61 Laurel Street, Buffalo, NY ,Brandi Barrett (ברענדי בארעט) – Loads of Love 14209:** Brandi Barrett (ברענדי בארעט) האט גראדואירט פון דעם 'קאמיוניטי באזירטע ריעל עסטעיט דעוועלאפמענט טרענירונג פראגראם' ( Community Based Real Estate Development Training Program). Loads of Love וועט זיין א ניי-אויפגעבויטע, צוויי-שטאקיגע געביידע פאר געמישטע באנוצן, מיט א קאמיוניטי לאונדראָומעט און קאווע הויז, צוזאמען מיט אפאָרדעבעל האוזינג יוניטס.
- **273 Hickory Street, Buffalo, ,Ellen Shareef (עלען שאריף) – Legacy Developers NY 14204:** Ellen Shareef (עלען שאריף) האט גראדואירט פון דעם קאמיוניטי באזירטע ריעל עסטעיט דעוועלאפמענט טרענירונג פראגראם. 273 Hickory איז א פראיעקט וואס ארבעט איבער אן עקזיסטירנדע געביידע פאר נייע געמישטע באנוצן, שאפנדיג 29 אפאָרדעבעל אפארטמענטס און איבער 6,000 סקווער פיס פון ביזנעס פלאץ אין די ווילערט פארק געגנט.
- **1348 East Delavan Avenue, ,Hakeem Hicks (האקים היקס) – Styles of Man Buffalo, NY 14215:** Hakeem Hicks (האקים היקס) האט גראדואירט פון דעם קאמיוניטי

באזירטע ריעל עסטעיט דעוועלאפמענט טרענירונג פראגראם. געלטער אונטער די קליינע פראיעקטן קאטעגאריע וועלן געגעבן וווערן פאר פארבעסערונגען צו די פאדערשטע דרויסנדיגע וואנט, ווי צום ביישפיל פענסטער, טירן און דעכלער, צוזאמען מיט HVAC און ענערגיע שפארזאמקייט מאדערניזירונגען צו די ביזנעס פלאץ.

- **Kathleen Roseti – Ladies of Charity of Buffalo (קעטלין ראָוסעטי), 1122 Broadway, Buffalo, NY 14212**: געלטער אונטער די קליינע פראיעקטן קאטעגאריע וועלן גענוצט ווערן צו מאכן דרויסנדיגע רענאוואציעס ווי נייע שילדן, פענסטער, א נייע דאך, פארערכטונגען צו ציגעלנע וואנט און פארבעסערטע באלייכטונג ביי די וואלונטיר-אנגעפירטע גענוצטע קליידער און חפצים געשעפט פאר פאמיליעס מיט נייע בעיביס און די פארבינדענע סאָושעל סערוויסעס וועלכע ווערן צוגעשטעלט.
- **Kim Collins-Jones – Phat Catz Restaurant & Bar (קים קאלינס-דזשאָונס), 965 Kensington Avenue, Buffalo, NY 14215**: געלטער אונטער די קליינע פראיעקטן קאטעגאריע וועלן גענוצט ווערן פאר דרויסנדיגע פארבעסערונגען ווי נייע שילדן, פארבונג, באלייכטונג און פענסטער, און אזוי אויך אינעווייניגע מאדערניזירונגען צו פארבעסערן די רעסטאראנט'ס אפעראציעס.
- **Derrick Luchey – Doris Records (דעריק לוטשי), 284 E Ferry Street, Buffalo, NY 14208**: געלטער אונטער די קליינע פראיעקטן קאטעגאריע וועלן גענוצט ווערן פאר דרויסנדיגע פארבעסערונגען ווי פענסטער און טירן, ציגעלנע וואנט און דאך, צוזאמען מיט HVAC, עלעקטריציטעט און אנדערע ענערגיע-שפארזאמע פארבעסערונגען צו Doris Records, א Jefferson געגנט צענטער פונקט וואס איז שוין אין אפעראציע זינט 1962.
- **Sameer Salem – Imperial Food Market (סאמיר סאלעם), 3039-3045 Bailey Avenue, Buffalo, NY 14215**: געלטער אונטער די קליינע פראיעקטן קאטעגאריע וועלן גענוצט ווערן פאר באררייכערונגען צו די פאדערשטע דרויסנדיגע וואנט, פאררעכטונגען צו די דאך און מאדערניזירטע ענערגיע-שפארזאמע עלעקטרישע פארבעסערונגען צו די קענזינגטאן בעילי געגנט'ס Imperial Foods קאמיוניטי מארקעט.

**Barrett & Benitez Development גרונדער און קא-אייגנטומער, Brandi Barrett (ברענדי בארעט), האט געזאגט**, "די פארפליכטונג וואס גאווערנער Hochul (האקול) האט צו די איסט סייד פון באפעלאו זעצט פאר צו אפגעשפיגלט ווערן אין מאמענטן ווי יעצט! איר פארפליכטונג צו צוריק אינוועסטירן האט אויפגעטריבן אמת'ע טויש, ווי טראנספארמאטיווע פראיעקטן ווי Loads of Love קענען זיין אן אמת'ע רעאליטעט. מיר זענען דאנקבאר פאר עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און זייער לאקאלע מאנשאפט פארן נישט נאר פארשטיין די נויט פאר וויכטיגע סערוויסעס ווי א לאונדראָמעט, נאר פארן אויך פארשטיין אונזער געשיכטע, אנערקענען די שטרויכלונגען אין וועג און לייזן פראבלעמען און גיבן שטיצע לענגאויס די וועג. א דאנק, גאווערנער Hochul (האקול), די ESD און די גאנצע סיטי אָוו באפעלאו!"

די איסט סייד געביידע קאסע איז א רעזולטאט פון אן אנגייענדע צוזאמענארבעט צווישן עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD), פילאנטראפישע ארגאניזאציעס און די קאמיוניטי צו פארבעסערן איסט סייד קאמערציאלע געגנטער. די צוזאמענארבעט האט אריינגערעכנט גרענטס צו פארבעסערן געשעפט פראנטן און אנדערע מאדערניזירונגען, פינאנצירונג צו סטאביליזירן אין ריזיקע געביידעס און צושטעלן ריעל עסטעיט טרענירונג און פינאנציעלע הילף פאר דעם קומענדיגן דור פון ארויסקומעדיגע דעוועלאפערס אין די איסט סייד.

די איסט סייד געביידע קאסע אפפערט הילף אונטער צוויי קאטעגאריעס באזירט אויף די גרויסקייט פון א פראיעקט:

- **קליינע פראיעקטן** – אויסגעשטעלט פאר פראיעקטן וועלכע נעמען אריין נארמאלע רענאווירונגען צו עקזיסטירענדע געביידעס, וועט צושטעלן גרענטס וועלכע דעקן ביז 90 פראצענט פון גאנצע פראיעקט קאסט פאר זאכן ווי רופינג, סטרוקטורישע סטאביליזאציע און געשעפט פראנט און סיינעדזש פארבעסערונגען. די מאקימום גרענט צאל איז $400,000 און וועט ווערן אדמיניסטריט דורך ESD'ס געמיינדע מיטארבעטער .Heart of the City Neighborhoods, Inc, וועלכע וועט דירעקט באצאלן אויפבוי קאנטראקטערס צו מינימיזירן באשאנקענע ארויס-פון-טאש קאסטן.
- **אנקאר פראיעקטן** – אויסגעשטעלט פאר פול גרעסערע פראיעקטן, וועט צושטעלן גרענטס וועלכע וועט צוריקבאצאלן ביז 50 פראצענט פון א באשאנקענע'ס גאנצע פראיעקט קאסט, ביז א מאקסימום פון 2 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן וועלכע נעמען אריין מעידשאר צוריקשטעלונגען, אדאפטיווע ווידערבאנוץ, נייע אויפבוי און פארבינדענע סייט פארבעסערונגען.

צו זיין בארעכטיגט, מוז דער פראיעקט ארייננעמען א קאמערציאלע אדער געמישטע-באנוץ פראפערטי (א שטייגער ווי א געשעפט פראנט געביידע מיט גאס לעוועל קאמערציאלע ארט און רעזידענטשעל ארט אויף העכערע שטאקן) און לאקאירט אויף באפעלאו'ס איסט סייד, בעפארציגט אין אדער דערנעבן צו א פריאריטעט ביזנעס דיסטריקט (Michigan Avenue ,Fillmore Avenue ,Jefferson Avenue, Genesee Street און Bailey Avenue צווישען אנדערע). עלף פון די קאסע אנטיילנעמער האבן גראדואירט פון די קאמיוניטי באזירטע ריעל עסטעיט דעוועלאפמענט טרענירונג פראגראם, ארויסווייזנדיג די אנגייענדע נויט צו שטיצן באפעלאו'ס ארויסשטייגנדע דעוועלאפערס אזוי ווי זיי זוכן צו פארבעסערן זייערע קאמיוניטיס.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופ נייט), האט געזאגט,** "די איסט סייד געביידע קאסע גרענטס זענען פיל מער פון בלויז א געלט אינוועסטירונג — זיי זענען א דערגרייכונג אין באפעלאו'ס מיטגעטיילטע צוקונפט. דורכן ארייננגיין אין שותפות דירעקט מיט די איבערגעגעבענע פראפערטי אייגנטימער, מאכן מיר זיכער אז די פינאנצירונג טרייבט אויף באנייטע עקאנאמישע לעבהאפט אריבער די איסט סייד'ס קאמערציעלע געגנטער."

די איסט סייד געביידע קאסע איז ארויסגעוואקסן פון דריי געוועזענע ESD פראגראמען (איסט סייד קאמערציעלע דיסטריקטס פראגראם [East Side Commercial Districts Program], קאמערציעלע געביידע סטאביליזירונג קאסע [Commercial Building Stabilization Fund] און קאמיוניטי-באזירטע ריעל עסטעיט דעוועלאפמענט טרענירונג פראגראם קאסע [ Community-Based Real Estate Development Training Program Fund]). די דריי געוועזענע ESD פראגראמען זענען געווען ערפאלגרייך ביים העלפן אויפלעבן באפעלאו'ס איסט סייד און טרענירן און אויסשטאטן מיט כלים א נייע גרופע פון דעוועלאפערס אריבער באפעלאו, פירנדיג צו איבער 60 פראיעקטן באקומענדיג אינוועסטירונגען און הילף בעפאר דעוועלאפמענט.

**סטעיט סענאטארשע April N.M. Baskin (עיפריל נ. מ. באסקין) האט געזאגט,** "אזוי ווי 2025 קומט צום שלוס, איז דאס פריידיגע נייעס צו הערן איבער די 10 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון די איסט סייד געביידע קאסע. גאווערנער Hochul (האקול) און איר מאנשאפט זעצן פאר צו ארויסווייזן אז באפעלאו'ס איסט סייד קומט זיך באדייטנדע פינאנצירונג צו שטיצן עקאנאמישע אנטוויקלונג דורך אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן, האוזינג אוועילעבילעטי, קאמערציעלע פלאץ, ענערגיע שפארזאמקייט און פארבעסערונגען צו פאדערשטע דרויסנדיגע געביידע ווענט. א דאנק די צוזאמענארבעטנדע אונטערנעמונג מיט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, פילאנטראפישע ארגאניזאציעס און קאמיוניטי פירער, קוקט די אנהויב פון דעם נייעם יאר אויס פארשפרעכנד פאר אונזערע שכנים וועלכע בלייבן פארפליכטעט צו אויפלעבן די קאמערציעלע געגנטער."

**סטעיט סענאטאר Sean Ryan (שאָן רייען) האט געזאגט,** "די אנאנסירונג שפיגלט אפ די סארט געגנטליכע אינוועסטירונג וואס די איסט סייד דארף. דאס אינוועסטירן אין קאמערציעלע געגנטער און שטיצן לאקאלע פראפערטי אייגנטימער העלפט שאפן דזשאבס, אויסברייטערן סערוויסעס און בויען קאמיוניטי רייכטום אין פלעצער וועלכע זענען צו אפט פארקוקט געווארן. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פארן גיבן פריאריטעט פאר די סטראטעגישע אינוועסטירונגען וועלכע וועלן באפולמעכטיגען איינוואוינער, שטיצן קליינע ביזנעסער און אונטערטרייבן עקאנאמישע וואוקס אין באפעלאו."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין Crystal Peoples-Stokes (קריסטאל פיפלס-סטאָוקס) האט געזאגט,** "דאס איז וויאזוי פארפליכטונג צו באנייטע אינוועסטירונג קוקט אויס. עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט און די איסט סייד געביידע קאסע העלפן צוריק אויפבויען קאמיוניטיס דורכן העלפן פראפערטי אייגנטימער אינוועסטירן אין זייערע פראפערטיס. דאס פארבעסערן איסט סייד ביזנעסער און אנדערע פראפערטיס העלפט פארבעסערן די גאנצע סיטי אָוו באפעלאו."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו, Mark C. Poloncarz (מארק סי. פאלאנקאַרז), האט געזאגט,** "די נייע איסט סייד געביידע קאסע האט שוין יעצט א דירעקטע ווירקונג דא אין באפעלאו, אינוועסטירנדיג אין פראיעקטן וועלכע לעבן אויף ביזנעסער און פרישן אויף געגנטער. פראיעקטן פון די סארט שאפן שטערקערע קאמיוניטיס איין געביידע אויף א מאל, און איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר חזון און פארפליכטונג צו מאכן די אינוועסטירונגען אין באפעלאו."

**סיטי אָוו באפעלאו מעיאר, Christopher P. Scanlon (קריסטאפער פּ. סקענלאן), האט געזאגט,** "די 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג איז א מאכטפולע ארויסווייזונג פון צוטרוי אין באפעלאו'ס איסט סייד און אין די קליינע ביזנעס אייגנטימער און דעוועלאפערס וועלכע טרייבן איר אויפלעבונג. איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו אונזער שטאט און צו שאפן עכטע, אנהאלטנדע עקאנאמישע געלעגנהייט אין אונזערע געגנטער. די צוגאבליכע אינוועסטירונגען פון גאווערנער Hochul (האקול) בויט ארויף אויף מיין אדמיניסטראציע'ס אנגייענדע שטיצע פאר קליינע ביזנעסער און אונזערע גרויסארטיגע אינפראסטרוקטור און איסט סייד געסער אויסקוק אינוועסטירונגען לענגאויס Jefferson Avenue און Bailey Avenue — זיכער מאכנדיג אז באנייטע אינוועסטירונג ווערט צוזאמגעפארט מיט עפנטליכע פארבעסערונגען וועלכע פארשטערקערן אונזערע קאמערציעלע געגנטער און העלפן די איסט סייד פארזעצן צו וואקסן אלס א לעבהאפטיגע פלאץ צו וואוינען, ארבעטן און טוהן ביזנעס."

**Ralph C. Wilson Jr. Foundation סיניאר פראגראם אפיסער, Eric Phamdo (עריק פעמדאָו), האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו העלפן אוועקנעמען שטרויכלונגען וואס שטערן פון ארויסשטייגנדע דעוועלאפערס און קליינע פראפערטי אייגנטימער בשעת'ן שטופן פאר מער גערעכטע עקאנאמישע וואוקס דורך לאקאל-געטריבענע דעוועלאפמענט אריבער באפעלאו'ס איסט סייד."

**M&T Bank עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט, קאמיוניטי ווידער-אינוועסטירונג, Brad Dossinger (ברעד דאסינגער), האט געזאגט,** "די איסט סייד געביידע קאסע איז א קריטישע אינוועסטירונג אין אונזערע געביידע און אין באפעלאו'ס צוקונפט. דורכן גיבן די כלים פאר פראפערטי אייגנטימער צו אויפרעכטן געשעפטן, פרעזערווירן היסטארישע פלעצער און שאפן נייע פלעצער פאר ביזנעסער צו בליהען, טוהען מיר פארשטערקערן די קאמערציעלע געגנטער וועלכע דינען שוין פון לאנג אלס די רוקןביין פון איסט סייד קאמיוניטיס. עס איז אן עהרע פאר M&T Bank צו שטיצן די אונטערנעמונג דורך די ראיאנישע אויפלעבונג שותפות (Regional Revitalization Partnership) און מיר זענען פארפליכטעט צו זיכער מאכן אז די פראיעקטן טרייבן אנהאלטנדע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי שטאלץ פאר פילע קומענדיגע דורות."

**Five Star Bank קאמיוניטי דעוועלאפמענט דירעקטארין, Karla J.L. Gadley (קארלא דזש. ל. געדלי), האט געזאגט,** "אונזער פארפליכטונג צו די קאמיוניטי גייט פיל ווייטער פון באנק סערוויסעס. מיר ציהלן צו אינוועסטירן אין מענטשן, פלעצער און מעגליכקייטן וואס מאכן איסט באפעלאו שטארק. די RRP שפיגלט אפ גענוי די סארט צוזאמענארבעטנדע אונטערנעמונג אין וועלכע Five Star Bank גלויבט, וואו רעגירונג מיטלען, פריוואטע אינוועסטירונג און קאמיוניטי חזון קומען זיך צוזאם צו מאכן אנהאלטנדע טויש. די אינוועסטירונג וועט העלפן ארויסברענגען א געוואלד פון פאטענציאל און ארויסווייזן וואס איז אלץ מעגליך ווען מיר ארבעטן צוזאמען מיט אונזערע שכנים צו בויען א מער בליהענדע צוקונפט אין באפעלאו."

**KeyBank ביזנעס פאראנטווארטליכקייט און קאמיוניטי באציאונגען אפיסער, Chiwuike Owunwanne (טשיוואאיקי אָוואונאַנעי), האט געזאגט,** "די לעצטע אינוועסטירונג דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט וועט גיבן פאר פראפערטי אייגנטימער אין באפעלאו'ס איסט סייד א שטארקע שטופ פאראויס וואס וועט העלפן געגנטער און ביזנעסער וואקסן און בליהען. דאס וועט העלפן פארזעצן צו ברענגען טראנספארמאטיווע וואוקס צו די טייל פון די שטאט, און KeyBank איז שטאלץ צו שטיין מיט אלע פון די ארגאניזאציעס ביים העלפן שטיצן די באגייסטערנדע איניציאטיוו."

**איבער די ראיאנישע אויפלעבנונג שותפות**

די [ראיאנישע אויפלעבונג שותפות](#) (Regional Revitalization Partnership, RRP) איז א 300 מיליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג סטראטעגיע און שותפות צווישן רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן וואס ברענגט די מאקסימום רעזולטאטן און נוצט נאך אינוועסטירונג פאר באפעלאו'ס איסט סייד, ניאגרא פאָלס און ראטשעסטער. די קאמיוניטי-געטריבענע, צוזאמענארבעטנדע סטראטעגיע נעמט א האליסטישע צוגאנג צו עקאנאמישע אנטוויקלונג און איז געאייגנט צו אויפבויען קאמיוניטי רייכטום דורך מערערע וועגן. די RRP איז אנטוויקלט געווארן אין צוזאמענארבעט מיט ניו יארק סטעיט גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) און איז געשטיצט דורך ESL, Max and Marian Farash Charitable Foundation, Five Star Bank, KeyBank/First Niagara Foundation, William & Sheila Konar Foundation, M&T Bank, NBT Bank, John R. Oishei Foundation, Ralph C. Wilson, Jr. Foundation און שותפים אין די סיטיס אָוו באפעלאו, ניאגרא פאָלס און ראטשעסטער. די איינפירונג פון דעם RRP פראגראם ווערט אנגעפירט דורך די [Center for Regional Strategies](#).

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**

עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור, און עס שטיצט ביזנעס וואוקס, די שאפונג פון נייע דזשאבס און מער עקאנאמישע געלעגנהייטן אריבער די סטעיט. מיט אפיסעס אין יעדע פון די סטעיט'ס 10 ראיאנען, טוט די ESD איבערזעהן די [ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס (Regional Economic Development Councils)](#), שטיצן אינטערנעט סערוויס גלייכקייט דורך די ConnectAll אפיס און פארגרעסערן די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט דורך די אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג (Office of Strategic Workforce Development).

די אגענטור ארבעט צוזאמען מיט ארויסשטייגנדע און פארגעשריטענע אינדוסטריעס ווי ריינע ענערגיע און סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג וואס זוכן צו וואקסן אין ניו יארק סטעיט, זי האלט אויף א נעטווארק פון הילף צענטערן צו העלפן קליינע ביזנעסער וואקסן און מצליח זיין, און זי מאכט מארקעטינג פאר די סטעיט'ס ערשט-קלאסיגע טוריזם דעסטינאציעס דורך "I LOVE NY" (איך האב ליב ניו יארק). פאר מער אינפארמאציע, באזוכט ביטע [esd.ny.gov](#) און פארבינדט זיך מיט די ESD אויף [LinkedIn](#), [Facebook](#) און [X, וואס פלעגט הייסן Twitter](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן